NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01357

LIDER

Michl Gelbart

Permanent preservation of this book was made possible
by David & Goldie Blanksteen
in memory of
Charlie Weinberg

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער

געזונגען פון די אַרבעטער־רינג־שולן
לערניאָר 1942־1943

צווייטע סעריע

צונויפגעשטעלט פון

מיכל געלבאַרט

מיט דער מיטווירקונג פון אַ פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע.

בילדונגס־קאָמיטעט פון אַרבעטער־רינג
175 איסט בראָדוויי, ניו־יאָרק, נ. י.

ISBN: 0-657-01357-9
Old Call#:96-22, Vol.

אינהאַלט פון דער צווייטער סעריע:

1. ייִדיש
2. דרײַ באַלמעלאָכעס
3. די פראָש
4. בערל
5. מאַרש
6. דער שוסטער
7. פעלקער
8. כאַצקעלע
9. דער פריילעכער ווינטער
10. אַ רעגן-געבעט
11. ווינטער-אָוונט
12. אין אַן אָרעם שטיבעלע
13. גלות-מאַרש
14. וואונדער איבער וואונדער
15. מלחמה
16. דרײַ ייִנגעלעך
17. ביכער
18. ניט געשטויגן
19. יונגע בויערס
20. איינס און צוויי
21. פרייד פון ערד
22. קאַרוסעלן
23. בערל, בערל

אינהאַלט פון דער ערשטער סעריע: 1. — אַלע פאַראייִנעם, 2. — די שבֿועה, 3. — ייִדיש לשון, 4. — מיר וואַנדערן. 5. — מיר קומען אָן, 6. — מיר גייען, 7. — נאָדעלע, 8. בין איך מיר אַ בעקערל, 9. — פעלד אַרבעט, 10. — קען איך ניט פאַרשטיין, 11. — זיבן קינדער, 12. — שפילן מיר אין קוילן שניי, 13. — אַ וויגליד, 14. — גוטע נאַכט, 15. — איי ליו-ליו, 16. — דאָס נײַע ליד, 17. — מײַליד.

פרייז פון יעדן ביכל — 10 סענט.

1

ייִדיש

מאַני לייב

מוזיק פון: ה. וואָלאָוויץ

די וועלט איז פול מיט רעדן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך.
און יעדער אויף זייַן שטייגער,
און יעדער אויף זייַן שפּראַך.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
און ייִדיש איז דאָך שיין.
איז גרינג אַ צווייטן ייִדן
פאַרשטיין ווי זיך אַליין.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
אויף אַלע עקן וועלט;
אין אַפריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.



2

דרייַ באַלמעלאָכעם

מ. בראָדערזאָן

מוזיק פון: י. גלאַטשטיין

בין איך מיר א שנייַדערל,
רופט מען מיך רב גאָדל,
צי איך מיר אַזוי אַרייַן
אַ פאָדעם אין אַ נאָדל.
מאַך אין עק אַ קניפּעלע,
ניי און ניי כסדר,
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
ניי איך מיר די קליידער.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
ניי איך מיר די קליידער.

בין איך מיר אַ שוסטערל,
רופט מען מיך רב מיכל,
נעם איך מיר אַזוי דעם אָל
און שטעך אַרייַן אין שיכל.
מאַך אין זויל אַ לעכעלע,
שטעק אַרייַן אַ טשוועקל,
אָט אַזוי און אָט אַזוי,
קלאַפּ איך מיטן העקל.
אָט אַזוי, אָט אַזוי,
קלאַפּ איך מיטן העקל.

בין איך מיר אַ בעקערל,
רופֿט מען מיך רב לעמל,
קנעט איך מיר דעם טייג גוט אויס
און שנײַד אי ברויט, אי זעמל.
זעץ זיי אויף דער לאָפּעטע,

געשוואָלענע פֿון הייוון,
אַט אַזוי און אַט אַזוי,
רוק איך זיי אין אויוון.
אַט אַזוי, אַט אַזוי,
רוק איך זיי אין אויוון.



3

די פּראָש

יהואש

געוועזן איז אַ פּראָש אין אַ גרין סאַמעט קלייד,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .
געוועזן איז אַ פּראָש אין אַ גרין סאַמעט קלייד,
מיט אַ פֿאַרטעך אַ ווײַסן פֿון פֿאַרנט פֿאַרשפּרייט,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .

איר שטוב איז געוועזן פֿון לויטער אַיר,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .
איר שטוב איז געוועזן פֿון לויטער אַיר,
פֿון שטראַלן די פֿענצטער, פֿון וואַסער די טיר,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .

פֿון טײַך אויפֿן ברעג און פֿון ברעג אינעם טײַך,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .
פֿון טײַך אויפֿן ברעג און פֿון ברעג אינעם טײַך,
ווער האָט אַזאַ מאַנטל, ווער איז אַזוי רײַך,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .

געקומען אַ בושל אַ הויכער צו גיין,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .

3

געקומען אַ בושל אַ הויכער צו גיין
די פּיס ווי די שפּענער, דער שנאָבל פון ביין,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .
גענומען די פּראָש, אינעם גרין סאַמעט קלייד,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .

גענומען די פּראָש אינעם גרין סאַמעט קלייד,
די קינדערלעך אירע אַ סעודה געגרייט,
קוואַ-קוואַ, קוואַ-קוואַ. . . .



4

בערל

ז. וויינפּער | **מוזיק פון: י. גלאַטשטיין**

בערל איז אַ וואוילער יינגל,
נאָר ער קען ניט ציילן;
אַזאַ נאַריש יינגל איז ער —
אַ חרפּה צו דערציילן.

וויפל איז דריי און פינף —
גלאָצט ער מיט די אויגן;
— בערל! בערל! — זאָגט דער טאַטע —
וועסט צו גאָרניט טויגן! . . .

נעמסט אַרונטער זעקס פון פערצן,
וויפל איז געבליבן?
קראַצט זיך בערל אויפן שטערן —
און ער ענטפערט זיבן.

בייזערט זיך אויף אים דער טאַטע:
בערעלע, בערולע!
דריקט די מאַמע אים צום האַרצן:
בערעלע מיין גדולה — — —



5

מאַרש

דוד ראָדין

מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

איינס, צוויי, דריַי, פיר!
בראַווע קינדער זיַינען מיר!
אַט אַזוי און אַט אַזוי,
גייען מיר אַ מיַיל און צוויי.

איינס, צוויי. איינס, צוויי.
פעסט געשלאָסן ריי נאָך ריי
באַרג אַרויף און באַרג אַראָפּ,
בראַווע, שטאַלצע, הויך דעם קאָפּ.

מאַרש! מאַרש! ניט געטראַכט,
אונדז דער וועג אַנטקעגן לאַכט.
און אַ ביימל פון דער זיַיט,
שמייכלט: שלום, בראַווע ליַיט!

זינגט אונדזער יידיש ליד,
זינגען און ניט ווערן מיד.
זאָל דורך באַרג און זאָל דורך טאָל,
הילכן פריילעך אונדזער קול.



6

דער שוסטער

ק. מאָלאָדאָווסקי

מוזיק פון: לאַזאַר וויינער

אַט-אַ אַט-אַ איז אַ באַרג,
אַט-אַ אַט-אַ איז אַ טאָל,
זיצט אַ שוסטער אויפן באַרג,
מיט אַ האַמער, מיט אַן אָל.

שטעכט דער שוסטער מיטן אָל,
מיטן האַמער שלאָגט ער גיך.
איינס און צוויי און איינס און צוויי,
וואַקסן אויס צוויי קליינע שיך.



7

פעלקער

י. ל. פרץ

מוזיק פון: בעטהאָווען

ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע,
מישט די פאַרבן אויס צוזאַמען.
אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
פון איין טאַטן, פון איין מאַמען.

אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
ווײַסע, ברוינע, שוואַרצע, געלע.
אַנדערש זײַנען נאָר די פאַרבן,
די נאַטור איז דאָך די זעלבע.

אַלע מענטשן זײַנען ברידער,
געלע, שוואַרצע, ברוינע, ווײַסע.
פעלקער, ראַסן און קלימאַטן —
ס'איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה.



8

כאַצקעלע

פאָלקסליד

— כאַצקעלע, כאַצקעלע,
שפּיל מיר אַ קאַזאַצקעלע!
כאַטש אַן אָרעמינקע,
דאָך אַ כוואַטסקעלע!

אָרעם איז ניט גוט,
אָרעם איז ניט גוט,
לאָמיר זיך ניט שעמען
מיט אונדזער אייגן בלוט.

כאַטש אַן אָרעמינקע, —
ניט קיין געבעטענע, —
אַליין געקומען.
פאַרט אַ מומע.
אָרעם איז ניט גוט, אאַז"וו.



9 דאָס פרייליכע ווינטערליד

מ. ריוועסמאַן

מוזיק פון: י. ענגעל

דער ווינטער איז געקומען,
דער שניי פליט און פליט,
מיר זיצן אין צימער | בים
און זינגען אַ ליד

אַ ליד און אַ שפּיל
און אַ טענצל דערביי,
מיר פרייען זיך אַלע | בים
ווי ס'וואָלט געווען מיי.

ס'מעג שנייען און דרייען
אָן אויפהער אין גאַס.
דער ווינטער וועט זיין אונדז | בים
אַ טייערער גאַסט.



10 אַ רעגן-געבעט

י. פיכמאַן

מוזיק פון: י. גלאַטשטיין

גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן,
פאַר די קליינע קינדערס וועגן.
גיב אין זכות פון קינדער קליינע,
וואַסער לויטערע און ריינע.

פונעם הימלס ליבע טרערן,
זאָלן גרין די פעלדער ווערן.
גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן,
פאַר די קליינע קינדערס וועגן.

וואו אַ גראָז, אַ זאַנג אַ דאַרע
שיק זיי שפע פון אַ כמאַרע.
און פון הימלס ליבע טרערן,
זאָלן גרין די פעלדער ווערן.



ווינטער-אָוונט

א. רייזען

מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

ווינטער-אָוונט, פון חדרים,
זײַנען ייִנגעלעך געגאַנגען.
איבער גאַסן, שמאָל און אָרעם,
האָבן אָפּגעהילכט געזאַנגען.
ווייניק לידער, קליין די צאָל,
זינגט מען איין ליד נאָך אַ מאָל.

זינגען קינדער העכער, העכער!
מיט דעם ניגון דעם באַקאַנטן.
אויף דער ערד און אויף די דעכער,
פינקלען שנייעלעך-בריליאַנטן..
און פון פענצטער וואו ניט וואו,
ווינקען פײַערלעך זיי צו . . .

וואו ניט וואו אַ קראָם נאָך אָפן,
זיצט אַ קרעמערל אַ מידער;
מורמלט שטיל פאַר זיך, פאַרשלאָפן,
וועקן אים די קינדערס לידער.
ווערט אים גוט אַזוי און באַנג,
פון דעם קינדערשן געזאַנג.



דריטער פערז, ווערט געזונגען מיטן ערשטן ניגון.

אין אַן אָרעם שטיבעלע

מ. קאַרמאַן
מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

אין אַן אָרעם שטיבעלע,
אָוונטצײַט בײַם קוימען,
שפּינט אַ ליבע מוטער דאָרט
פאַר דעם קינד אירם טרוימען.

זינגט זי אים אַ לידעלע,
פּאַטשט ער מיט די הענטלעך;
זינגט דאָס גאַנצע שטיבעלע,
זינגען מיט די ווענטלעך.

„פּאַטשע פּאַטשע קיכעלעך,
אוצרל מײַן שיינער,
פּאַפּע ט'קויפן שיכעלעך,
זונעלע מײַן קליינער.

פּאַפּע ט'קויפן שיכעלעך,
מאַמע ט'שטריקן זעקלעך.
פּאַפּע ט'קויפן פערדעלעך,
מאַמע ט'אָנטאָן גלעקלעך".

אָט אַזוי אין שטיבעלע,
הערשט אי גליק, אי פריידן,
זײַט בײַ זײַט מיט אָרעמקייט,
וואוינט דאָרט אַ גן־עדן.

העכער איז די ליבע דאָרט,
העכער איבער אַלעם;
שטאַרקער איז די ליבע דאָרט,
שטאַרקער ווי דער דלות.



גלות מאַרש

מ. ראָזענפעלד
מוזיק פון: גערשאָוויץ

מיט דעם וואַנדערשטאָק אין האַנט,
אָן אַ היים און אָן אַ לאַנד.
אָן אַ גואל, אָן אַ פרײַנד,
אָן אַ מאָרגן, אָן אַ הײַנט.
ניט געדולדעט, נאָר געיאָגט,
וואו גענעכטיקט, ניט געטאָגט.
תמיד ווײ, ווײ, ווײ, — — — —
תמיד גײ, גײ, גײ, — — — —
תמיד שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן, — — — —
כּל־זמן כּוח איז פאַראַן.

און אַזוי אַ, יאָר נאָך יאָר,
און אַזוי אַ, דור נאָך דור.
אָן אַ האָפענונג, אָן אַ צוועק,
אײַנגעהילט אין גרויל און שרעק.
וואַנדלען מיר לאַנד אויס, לאַנד אײַן.
אין יסורים און אין פּײַן.
תמיד טרעט, טרעט, טרעט, — — — —
תמיד בעט, בעט, בעט, — — — —
תמיד נויט, נויט, נויט, — — — —
און קיין גליק אויך ניט צום טויט.



וואונדער איבער וואונדער

מאַני לייב — מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

וואונדער איבער וואונדער,
אומעטום אין אַלץ;
אין אונדזער ברויט דעם שוואַרצן,
אין אונדזער ווײַסן זאַלץ.

און אין דעם בלויען וואַסער,
וואָס שטילט דעם דאָרשט אונדז אײַן;
און אין דעם רויטן פײַער,
וואָס וואַרעמט אונדז מיט שײַן.

און אין דעם קינדס געלעכטער,
וואָס הילכט פון מאַמעס שויס.
און אין די קליינע קינדער,
וואָס וואַקסן גרויסע אויס.

אָ, וואונדער איבער וואונדער,
וואונדער אָן אַ שיעור.
און פון די אַלע וואונדער,
קינדער, זינגען מיר.



מלחמה

א. רייזען — מוזיק פֿון: מיכל געלבאַרט

אַ, מאַמע כ'וויל אַ ביסל מילך,
ס'איז טרוקן מיר מײַן גומען.
— מײַן קינד, אַ בייזער פֿאַסטעך האָט
די אַלע קי פֿאַרנומען.

טאַ גיב מיר מאַמע ברויט אַ בים,
דעם הונגער מיר צו שטילן.
— נישטאָ מײַן קינד, אַ וואַסער האָט
פֿאַרטרונקען אַלע מילן.

אַ וואַסער ווילד, אַ וואַסער רויט,
האָט זיי אַראָפּגעטראָגן,
און אַלע מילנער זײַנען איצט
אַוועק אין פֿעלד זיך שלאָגן.

— טאַ וואו זשע איז דער טאַטע איצט,
ער זאָל אונדז עסן קריגן?
— דער טאַטע איז אַוועק מיט זיי
אַ שונא צו באַזיגן.



דרײַ יינגעלעך

י. גויכבערג

מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

די מאַמע האָט דרײַ יינגעלעך,
דרײַ יינגעלעך געהאַט.
מיט ווייכע, רויטע בעקעלעך,
ווי צאַרטער סאַמעט גלאַט.

האָט איינס געהייסן בערעלע,
דאָס צווייטע חיים שמערעלע,
דאָס דריטע האָט געהייסן, —
מע זאָל אים קויפן שיך.

איך האָב אײַך אָפּגעענטפערט,
איך האָב געוואוסט איר ווארט.
דאָס דריטע קליינע יינגעלע —
דאָס דריטע דאָס בין איך.

די מאַמע האָט דרײַ ניסעלעך,
פון דעם יאריד געבראַכט.
דרײַ גוטע, פעטע ניסעלעך,
דרײַ ניסעלעך אַ פּראַכט.

איז איינס געווען פאַר בערעלען
און איינס פאַר חיים שמערעלען,
און גאָר דאָס בעסטע ניסל —
האָט זי געלאָזט פאַר זיך.

איר וואונדערט זיך אַ ביסל —
פאַר וואָס ניט מיר אַ ניסל?
ווײַל ניסן ניסן ניסעלע —
דאָס דריטע דאָס בין איך.



17

ביכער

ש. וואַסערמאַן

מוזיק פון: מיכל געלבאַרט

קלוג זיינען ביכער,
זיי וויסן אַ סך.
לערנט זיך, קינדער,
פון ביכער די שפּראַך.

ווערט מיט די ביכער
די קלוגע באַקאַנט.
גיט נאָר די בלעטלעך
אַ מיש מיט דער האַנט.

מישט אויף אַ בלעטל,
אַ זייט, נאָך אַ זייט. —
ס'רעדן די שורות
מיט מענטשלעכע רייד.

ס'פינקלען געדאַנקען
פון איטלעכן וואָרט.
ס'קלינגט אַזוי היימיש
דאָס יידישע וואָרט.



18

ניט געשטויגן

נחום יוד

מוזיק פון: י. טשערנאַווסקי

הערט אַ מעשה, קינדערלעך,
הערט מיט נאָז און אויגן,
איבער באָבע יאַכנעס דאַך
איז אַ קו געפלויגן.

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
דאָס איז אמת אַלץ געווען.
דאָס איז אמת, דאָס איז אמת,
איך האָב דאָס אַליין געזען.

זומער אָוונט אין דער פרי
איז אַ שניי געגאַנגען,
און אויף אַ געברענטן שטרוי
איז אַ בער געהאַנגען.
דאָס איז אמת, אאַז"וו.

אויף אַ בוים געטאַנצט אַ שער
האָבן גענדז און ציגן;
און די קאַץ האָט זיך געזעצט
אויסמעלקן די פליגן.
דאָס איז אמת, אאַז"וו.

האָט אַ פּאַווע איינגעשפּאַנט,
העכט אַ פּאָר אין צעבער,
און בײַ יאַשקען אויף דער נאָז
הענגט אַ לונג און לעבער.
דאָס איז אמת, אאַז"וו.



19 יונגע בויערס

ש. וואַסערמאַן

מוזיק: מיכל געלבאַרט

מיר זײַנען יונגע בויערס,
בויען מיר אַ הויז.
איינער ברענגט די ליים,
אַ צווייטער קנעט דאָס אויס.
אַ דריטער לייגט די ציגל,
וואַקסן הויך די ווענט.

איז אַ פרייד צו קוקן,
ווי די אַרבעט ברענט.
אַ פרייד איז יעדער ציגל,
יעדער נײַער שטיין.
יעדער טראָפּן שווייס
פאַר אונדזער נײַער היים.



20

איינס און צוויי

ז. ווײַנפּער — מוזיק פון: נ. זאַסלאַווסקי

איינס און צוויי,
איינס און צוויי,
איינס און צוויי איז דריַי;
זון באַהעלט
אונדזער וועלט,
לעבן איז כּדאַי.

זום-זום-זום,
זום-זום-זום? —
פרעגט בײַ מיר אַ פליג.
טראַ-לאַ-לאַ,
טראַ-לאַ-לאַ . . .
ענטפער איך צוריק.

דריַי און פיר,
דריַי און פיר —
פיר און פיר איז אַכט;
אויפן קאַרק
פון אַ באַרג
האָט זיך ווער צעלאַכט:

כאַ-כאַ-כאַ!
כאַ-כאַ-כאַ!
— ווער-זשע לאַכט עס דאָרט?
כאַ-כאַ-כאַ!
כאַ-כאַ-כאַ! —
מער דאָך ניט קיין וואָרט.



21

פרייד פון ערד

ה. דאַווידאָוויטש

איי ס'איז גוט און איי ס'איז גוט,
און איי ס'איז גוט, ס'איז גוט אונדז;
פרייד פון ערד איז אונדז באַשערט,
אַ פרייד פון קראַפט און לעבן.

פרייד פון ערד איז אונדז באַשערט,
פרייד פון ערד איז אונדז באַשערט,
פרייד פון ערד איז אונדז באַשערט,
פרייד פון קראַפט און לעבנספרייד.

נאָך אַ טאַנץ און נאָך אַ טאַנץ,
און נאָך אַ טאַנץ און אַלע טאַנצן.
נאָך אַ טאַנץ און נאָך אַ טאַנץ
און נאָך אַ טאַנץ און אַלע טאַנצן.

פרייד פון פיס און פרייד פון הענט,
און פרייד פון קראַפט און לעבנספרייד.
פרייד פון פיס און פרייד פון הענט,
פרייד פון זייען און פון פלאַנצן.



22

קאַרוסעלן

י. גויכבערג
מוזיק פון: ב. חיימאָנט

דונדאַ, רונדאַ, רונד אַרום
אויף די קאַרוסעלן,
יאַנקל-באַנקל בול-בול-בול,
הערט ניט אויף צו קוועלן.

אַ פּוס אַהער, אַ פּוס אַהין
און דאָס פערד אין מיטן;
יאַנקל-באַנקל פייער-פלאַם, —
אַז רייטן, איז געריטן.

ראָד אַרײַן און ראָד אַרויס,
אַזש דער קאָפּ פאַרדרייט זיך.
יאַנקל-באַנקל יאָגט זײַן פערד,
יאָגט זײַן פערד און פרייט זיך.

קלינגען גלעקלעך, פויקט די פויק,
די שאַרמאַנקע זשומעט . . .
טאַנצט די וועלט אַ קאַראַהאָד,
דרייט זיך אַלץ אַרומעט . . .



— זאָג, וואו שטייסטו? — אויף אַ פּאַס,
— זאָג, וואָס טרינקסטו? — עפּל-קוואַס.
שאַר און טאַפּ,
לויף און כאַפּ,
טופּ-טופּ-טופּ
איבער שטוב.

23

בערל, בערל!

נחום יוד   מוזיק פון: מ. פאָזנער

— בערל, בערל, קום אַהער!
זײַ אויף אונדז ניט ברוגז מער!
גיב אַ זונג,
גיב אַ שפּרונג —
איינס און צוויי,
אַט אַזוי!

בערל קום אַ טענצל גיין,
שטיי ניט ווי אַ נאַר אַליין!
קוק ניט קרום,
גיכער קום,
קאַראַהאָד,
אין אַ ראָד.



פֿאַרלאַג
ארבעטער
רינג
בײַ דעם
בילדונגס-קאמיטעט
פון
אַרבֿעטער-רינג